הויז־רעוויזיעס 25 רעוואָלווערן און ביקסן. אין 1905 זײַנען אויך אַרעסטירט געוואָרן מיטגלידער פֿון ס.ס. (ציוניסטן־טעריטאָ־ריאַליסטן). זיי זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין גרייטן אַן אויפֿשטאַנד. 1906 זײַנען זיי געמישפּט געוואָרן אין ווילנער קריג־געריכט.

**רבנים.** — אין פֿריִערדיקע צײַטן איז קאַלוואַריע געווען אַ גרעסערע קהילה פֿאַר מאַריאַמפּאָל. דעמאָלט איז מאַריאַמפּאָל געווען אונטערגעוואָרפֿן דער רבנות פֿון קאַלוואַריע. אַזוי שרײַבט איינער פֿון די מאַריאַמפּאָלער רבנים, ר׳ יהונתן עליאַשבערג.

ערשטער רבֿ ר׳ חיים בר׳ זבולון פערלמוטער, פֿון 1780 ביז 1820. פֿריִער געווען דאָ מו״צ, ווי עס זאָגט זיך קלאָר אין זײַן ספֿר אלף אומר קרא (הוראדנא, תקנ״ה): חיים מ״מ ומ״ץ דק״ק סטאַרפּאָלי [מאַריאַמפּאָל] בר׳ זבולון־יעקבֿ.

אין 1819 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת צווישן די בעלי־בתּים. איינער איז פאַרסמט געוואָרן, אַ סך בעלי־בתּים זײַנען אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין קאַלוואַריער תּפֿיסה, דאָרטן געפּײַניקט געוואָרן, אָבער קיינער האָט ניט אַרויסגעגעבן דעם שולדיקן. צוליב דער מחלוקת האָט ר׳ חיים פֿאַרלאָזן מאַריאַמפּאָל און 1820 געוואָרן מרא דאַתרא אין שערשאָוו, וווּ ער האָט געפֿירט זײַן רבנות ביז זײַן פּטירה אין 1851, אין עלטער פֿון 88 יאָר. דעריבער איז ער מער באַקאַנט אונטער ר׳ חיים שערשאָווער. זײַן צווייטער חיבור: שירה לחיים (וואַרשע, תּקע״ד).

ר׳ חיימס איידעם ר׳ יהודה לייב חרל״פ, אָנקל פֿון די רבנים ר׳ אפֿרים־אליעזר חרל״פ פֿון מעזריטש, ר׳ משה־אריה־חרל״פ פֿון טרעסטינע און ר׳ אַבֿרהם־גרשון חרל״פ פֿון סוכאָוואָליע. ר׳ יהודה־לייב איז פֿריִער[2] געווען מ״מ ומו״צ אין ווילקאָווישק.

צוליב אומבאַקאַנטע סיבות זײַנען דעמאָלט אויסגעקליבן געוואָרן צוויי רבנים: ר׳ שבתי [אלטשולער?] און ר׳ יהודה־לייב לעווינזאָן. ר׳ שבתי איז ניפֿטר געוואָרן אין 1850 און זײַן אָרט האָט פֿאַר־נומען ר׳ יהושע הכּהן, פֿון 1853 רבֿ אין לאַזדיי.

ר׳ עוזריאל־אַריה־לייב ראַקאָוור־סקי (ר׳ לייבעלע פלאָצקער). צוליב אַ מחלוקת אין שטאָט אין 1858, געוואָרן רבֿ אין סטאַוויסק, שפּעטער אין אַמטשיסלאַוו, פלאָצק, מיר.

ר׳ שלמה־זלמן גאָרדאָן, פֿריִער רבֿ אין באַלבירישאָק. צוליבן כּבֿוד פֿון צווייטן רבֿ ר׳ יהודה־לייב לעווינזאָן האָט מען ר׳ שלמה־זלמן גערופֿן מו״צ.

נאָך דער פּטירה פֿון ר׳ יהודה־לייב לעווינזאָן אין 1875 איז געקומען אויף זײַן אָרט ר׳ יהונתן עליאַשבערג. 1879 איז ניפֿטר געוואָרן ר׳ שלמה־זלמן גאָרדאָן און

---

2) אין „יהדות ליטא“, כּרך ג׳, ע׳ 326, איז אָנגעגעבן, אַז ר׳ יהודה־לייב איז דאָ געווען רבֿ פֿון 1865 ביז 1872. לויט איין מקור, איז ער ניפֿטר גע־וואָרן אין 1840.